דער בעסטע. פליגען
המות. 10 סענט א פעקל
דראגיסטען, גראסערי און אל
סטארס.

רוסישע שיקסע דערצעהלט פלאי פלאים פון די ״משחאַנ-סקע״ קאמיסארען.

פילאדעלפיא. —

מיסס קאטערינא דאקושעוו, וועלכע איז נאר וואס אנגעקומען אהער פון רוסלאנד, דערצעהלט ווי באלשעוויסטישע אגענטען זוכען צו פארקויפען אין האלאנד די בריליאנטען פון געוועזענעם רוסישען קייזערליכען הויף.

דאס וואלט נאך אבער געוועזען א האלבע צרה. · דער גרעסטע אומגליק ווערט מיס דאקושעוו׳ס ערצעהלונג באשטעהט אין דעם, וואס די באלשעוויקעס האבען נאציאנאליזירט די הייזער פאר דעם פראלעטאריאט און די קירכען פאר די בעדר. אמת׳ע פיער פוסיגע פעדר און בהמות און די הייליגע ביוסטען אין די קירכען ווערען אריינגעשטעקט סיגארעטען. אבער די אידישע שולען? אה, די שילען בלייבען ריין און אומגעשטערט עס איז דא נאך א סברה, אז די באלשעוויסטישע קאמיסארען קומען זיך דארט צינויף דוכ׳ען. און טאמער גלייבט איהר עס ניט, דאן פרעגט מיס דאקושעף, וועלכע איז נאר וואס אנגעקומען אהער פון רוסלאנד און האט איבערדערצעהלט די גאנצע גרויזאמע מעשה צו די אנגעשטעלטע פון ״ניער איסט רעליעף״.

יוניט האט זיך איבערע
גען קיין דאנציג.

א טעלעגראמע פון ווארשאווע
פון דער דזשאינט דיסטריביושאן ק
צו דר. גאלדמאן אין פאריז פא
אז די גאנצע פאסט פון דער קאמי
דעם ווארשאווער אפיס זאל פון אי
געשיקט ווערען קיין דאנציג. דר
מאן דרינגט דערפון, אז דער פו
יוניט פון דער קאמיטע איז אפגעמ
קיין דאנציג.

שליסען שלום מיט ארמעניע

לאנדאן אויגוסט 14

א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאס
מעלדעט דאס עס זיינען אפגעמאכ
ווארען די ערשטע שלום פונקטען צוו
רוסלאנד און ארמעניען.

קלאנג אז מען האט געוואלט
דעם ענגלישען פרעמיער.

לאנדאן אויגוסט 14

עס איז ארויס א קלאנג אז אין
לאנד יאהר האט מען ענטדעקט א
ראציע צו ערמארדען דעם פרעמיע
רזשארדזש.

יעקב ס. בענע
(פון בענעט און
באריסטערס, סאליסיטערס, נאט
א. ז. וו.
2901 ראנרעס סטר. וועסט מאר
טעלעפאן רזשאנקשאן 2077
האוזנג טעלעפאן רזשאנקשא

סאהען און סאה
באריסטערס און נאטארי
א. א. וו.
סאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען הילקרעסט 4855
סעמיועל קאהען קענוואוד 919.



די זעקס קינסטלער פונ׳ם זמרה׳ אנסמבל, וועלכע טרעטען דא אויף היינטיגען דינסטאג אין מעסי האל צום קאנצערט פונ׳ם נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד.

ליטא וועט מעגליך זיין באלד אפען פאר הילפס ארבייט

דורך איהר אייראפעאישען דירעקטאר, דר. יוליוס גאלדמאן, האט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע נעכטען געקראגען א קייבעל, וועלכע מעלדעט, אז עס זיינען פאראן גוטע אויסזיכטען דאס די אלגעמיינע און פריוואטע הילף אין ליטא ווי אויך אין די טעריטאריעס, וועלכע זיינען פארנומען געווארען פון דער סאוויעט ארמיי, זאל אין גיכען ווידער קענען געשיקט ווערען אונגעשטערט.

ליטענאנט בעקער און פרערעריק ווארבורג, וועלכע זענען לכתחילה געקומען קיין ליטא צוליעב א שטודיום פאר רעקאנסטרוקטיווער הילפס ארבייט, מאכען איצט א רייזע איבער ליטא. כדי זיך צו באקענען מיט די מעגליכקייטען פון איינארדנען די הילף איבערשיקונג און מען רעכענט אז די ראיאנען פון ווילנא, גראדנא און לידא וועלען אין גיכען צוריק אפען ווערען פאר הילפס ארבייט.

דר. ראזענבלאט אויפ׳ן וועג קיין רעוועל.

פון דר. פרענק ראזענבלאט וועלכער איז אפגעפאהרען אלס דירעקטאר פון דער הילפס ארבייט אין דרום רוסלאנד, איז אנגעקומען א קייבעל וועלכע מעלדעט, אז ער צוזאמען מיט מאריס קאץ און דר. וויליאם וואושין פון ניו יארק העלטה דעפארטמענט זיינען דעם 4-טען אויגוסט אנגעקומען קיין קאפענהאגען און זיי פאהרען אפ פון דארטען קיין רעוועל.

פארוואס משה׳לע האט געוויינט?

פון נ. בריק.

דער ליעבער זומער איז געקומען. די פובליק סקולס און אלע אנדערע רעגירונגס שולען האבען זיך פארמאכט. די לעהרער און לעהרערינס האבען זיך געזעגענט מיט די קינדער. געהט קינדערלאך געזונטערהייד, האבען זיי מיט ליעבשאפט געזאגט: ״פריי זענט איהר קינדערלאך, פריי ווי די פייגעלאך אין וואלד, פריי ווי דער ווינט אין פעלד, טאנצט, שפרינגט, הוליעט, שפיעלט זיך פליעסקעט זיך אין טייך, יעצט זענט איהר אליין באלעבאטים איבער זיך, טוט וואס איהר ווילט, וואס אייערע הערצעלאך באגערען, נאר קיין שלעכטס זאגען זאלט איהר נישט טון, אפילו אין אייער פרייהייט דארפט איהר אויך ניט פארגעסען און איהר מוזט עהרליכע קינדערלאך בלייבען.״

און פרעהליכע, גליקליכע, מונטערע זיינען די קינדער אהיים געלאפען און צווישען זיי אויך משה׳לע. אבער דעם זעלבען טאג האט משה׳לע זיצענדיג ביי זיך אין צימערעל געהערט, ווי זיינע עלטערען רעדען עפעס צווישען זיך שטילערהייט און ענדליך האט זיך זיין טאטע הויך אויס׳ן קול און אביסעלע אויפגערעגט אנגערופען: נישקשה, א אינגעל פון צוועלף יאהר דארף ניט ארומגעהן לעדיג, ער מוז זיך געפינען עפעס ארבייט פאר די צוויי חדשים וויפיעל ער וועט פארדינען וועט אונז צונוצקומען. משה׳לע איז מיט אמאל טרויעריג געווארען, ביי זיינע דארינקע הענטעלאך האט ער זיין קעפעלע אונטערגעשפארט (אויסגעקוקט האט משה׳לע פון א יאהר אכט ניין), זיינע דינענקע בלייכע פינגער האבען זיך אין זיינע קרויזען איינגעפלאכטערט און אזוי איז ער געבליבען זיצען פארטראכט, און גרויסע טראפענס טרערען האבען אנגעהויבען פון זיינע אויגען ארונטערקייקלען זיך. ענדליך האט ער שוין מעהר זיך ניט געקאנט איינהאלטען און אנגעהויבען אויף א קול צו כליפען.

א דערשראקענע איז די מאמע אריינגעלאפען. וואס איז מיט דיר? — האט זי משה׳לען געפרעגט. ״ביסט עפעס ניט געזונט, טוט דיר דיין קעפעלע וועה? — ניין.״ האט משה׳לע געענטפערט, ״עס פעהלט מיר גארנישט, אבער איך וויל נישט ארבייטען.״

״וואס ארבייטען ווילסטו ניט?״ האט זיך דער פאטער אריינקומענדיג צושריען: ״דו פוסטאפאסניק, דו ליידיג געהער, דו פוילער דו! ארומלויפען ווילסט זיך דיר, שפילען, שטיפען. ביי לייטען א אינגעל פון צוועלף יאהר מייסט שוין וואס אין הויז טוט זיך. דו זעהסט ווי אזוי איך הארעווע ווער פארשווארצט, און פארדין ניט גענוג א לעבען צו מאכען. דער יקרות איז אזוי גרויס, אלעס קאסט אזוי טייער, האסט דאכט זיך אליין געזעהען וויפיעל איך האב ערשט ניט לאנג צוריק באצאהלט פאר דיין גארניטערל. און גערעדט האט ער מיט אזא כעס אזוי ווי ער וואלט גרייט געווען דאס קינד צוצוריסען.

״דו זאלסט מיך פארשטעהן״ האט משה׳לע שטיל געזאגט צום פאטער, ״זאלסט מיך פארשטעהן, וואלסטו נישט אזוי בייז געווען. ניט דערפאר וויין איך, ווייל איך פויל זיך צו ארבייטען, איך וויין פאר יענעם אנדערש. איך דענק אז מיר זיינען אידען, אז איך בין א אידיש קינד, און א אידיש קינד דארף ניט נאר קאנען ענגליש, דארף ניט נאר באקאנט זיין מיט דער געשיכטע פון ענגלאנד און קאנאדע, ער דארף אויך קענען אידיש. ער דארף אויך באקאנט זיין מיט דער אידישער געשיכטע, היינט אז דו וועסט מיך אוועקשיקען ארבייטען טא ווי וועל איך קענען געהן אין א אידישע שול? עס וועט דאך מיר אייסקומען אויסצוואקסען א גראבער יונג! ניט ווייל איך פויל זיך צוארבייטען, וויין איך.

און די עלטערען זיינען ביידע רויט געווארען און פארשעהמטע האבען זיי זיך איבערגעקוקט. אין א ווייל ארום איז די מוטער וויינענדיג צוגעלאפען צום קינד איהם צוגעדריקט צום הארצען און דער פאטער האט ארויפלייגענדיג זיינע הענט אויף משה׳לעס אקסלען אנקוקענד איהם גלייך אין די אויגעלאך געזאגט: דו ביזט גערעכט מיין טייער קינד, דו ביזט גערעכט און איך בין אומגערעכט. זאל זיין ווי דו זאגסט. קיין גליקען וועל איך שוין פון דיינע פארדינסטען סאי ווי נישט מאכען. געה קינד מיינס לערען זיך און וואקס אויס א גוטער מענש און אן עהרליכער איד.״

גרויסע תבואה גערעטעניש.

וואשינגטאן אויגוסט 14

דער דעפארטמענט פון סטאטיסטיקס האט ארויסגעגעבען אן ערקלערונג אז פרייזען פון עסענווארג מוזען ווערען ביליגער היינטיגעס יאהר צוליעב דעם גרויסען תבואה גערעטעניש וואס איז געווען אויף די פעלדער איבערן גאנצען לאנד.

פארבלאנדזשעט אין וואלד

(א מעשה)

פון לאוים עפהאן.

ס׳איז משה׳ל געגאנגען יאגאדעס קלייבען,
יאגאדעס קלייבען, יאגאדעס קלייבען.
זיין מאמע ט׳געהייסען אין שטוב איהם צו בלייבען,
אין שטוב איהם צו בלייבען, אין שטוב איהם צו בלייבען,
ס׳איז משה׳ל געגאנגען יאגאדעס קלייבען.
איבער פעלדער מיט קארן האט משה׳ל געטראטען,
האט משה׳ל געטראטען, האט משה׳ל געטראטען.
באגלייט האט איהם קיינער ניט בלויז נאר זיין שאטען,
בלויז נאר זיין שאטען, בלויז נאר זיין שאטען. —
איבער פעלדער מיט קארן האט משה׳ל געטראטען,

ס׳איז משה׳ל אין גרינעם, אין וואלד אנגעקומען.
אין וואלד אנגעקומען, אין וואלד אנגעקומען.
און יאגאדעס הייטע האט קלייבען גענומען,
האט קלייבען גענומען, האט קלייבען גענומען,
ס׳איז משה׳ל אין גרינעם, אין וואלד אנגעקומען.

א קרינעל מיט יאגאדעס האט ער אנגעקליבען.
האט ער אנגעקליבען, האט ער אנגעקליבען.
אין וואלד אבער איז נאך פיעל מעהרער געבליבען,
פיעל מעהרער געבליבען, פיעל מעהרער געבליבען.
א קרינעל מיט יאגאדעס האט ער אנגעקליבען.

פארגעהן האט גענומען די זון מיט א לאך,
די זון מיט א לאך, די זון מיט א לאך.
און משה׳ל קען ניט געפינען דעם שליאך,
געפינען דעם שליאך, געפינען דעם שליאך. —
פארגעהן האט גענומען די זון מיט א לאך,

בלאנדזשעט אום משה׳ל אויף וועגען פארגעסען,
אויף וועגען פארגעסען, אויף וועגען פארגעסען.
דערשפירט ער הונגער, נעהמט ער יאגאדעס עסען,
יאגאדעס עסען, יאגאדעס עסען —
בלאנדזשעט אום משה׳ל אויף וועגען פארגעסען,

באגעגענט ער גוים פון ירידען וואס פאהרען,
פון ירידען וואס פאהרען, פון ירידען וואס פאהרען
זאגט משה׳ל: ״מיין היים וועג האב איך אנגעווארען
האב איך אנגעווארען, האב איך אנגעווארען״.
באגעגענט ער גוים פון ירידען וואס פאהרען,

לאכען זיי: מאשקע, דיין וועג ליגט צוריק.
דיין וועג ליגט צוריק, דיין וועג ליגט צוריק.
צוריק איז דיין היים און צוריק איז דיין גליק,
צוריק איז דיין גליק, צוריק איז דיין גליק. —
לאכען זיי: מאשקע, דיין וועג ליגט צוריק.

געהט משה׳ל צוריק פארטראכט ווי א טרוימער.
פארטראכט ווי א טרוימער, פארטראכט ווי א טרוימער,
שוין וויעדער אין וואלד, שוין וויעדער די בוימער.
שוין וויעדער די בוימער, שוין וויעדער די בוימער. —
געהט משה׳ל צוריק פארטראכט ווי א טרוימער,

די זון איז דערווייל אין גאנצען פארגאנגען.
אין גאנצען פארגאנגען, אין גאנצען פארגאנגען,
עס טראגען אין וואלד זיך בייגאכטיגע קלאנגען,
בייגאכטיגע קלאנגען, בייגאכטיגע קלאנגען —
די זון איז דערווייל אין גאנצען פארגאנגען,

אין שרעק האלב געשלאפען, אין שרעק האלב געוואכט.
אין שרעק האלב געוואכט, אין שרעק האלב געוואכט,
האט דורכגעמאכט משה׳ל א גרויזאמע נאכט,
א גרויזאמע נאכט, א גרויזאמע נאכט,
און שרעק האלב געוואכט, אין שרעק האלב געוואכט,

ווען ס׳איז נאכט׳ס שווארצקייט געווארען צו זעעט.
געווארען צוזעעט, געווארען צוזעעט,
האט משה׳ל דעריעהען אן אלטיטשקער געהט
און אלטיטשקער געהט, אן אלטיטשקער געהט.
ווען ס׳איז נאכט׳ס שווארצקייט געווארען צו זעעט.

דער אלטיטשקער ערענסט גענומען האט פרעגען.
גענומען האט פרעגען, גענומען האט פרעגען:
״וואס טיסטו דא, קינד מיינס, אויף וואלד פרעמדע וועגען
אויף וואלד פרעמדע וועגען, אויף וואלד פרעמדע וועגען?״
דער אלטיטשקער ערענסט גענומען האט פרעגען.

״פארלארען מיין וועג, יאגאדעס קלייבענדיג.״
יאגאדעס קלייבענדיג, יאגאדעס קלייבענדיג.
האבען גוים געהייסען צו געהן אויף צוריק,
צו געהן אויף צוריק, צו געהן אויף צוריק,
״פארלארען מיין וועג, יאגאדעס קלייבענדיג.״

״געה פארווערטס, מיין קינד, און דו׳סט קומען אהיים״.
דו׳סט קומען אהיים, דו׳סט קומען אהיים,
צו דיין מאמען אין קליינינקען שטיבעל פון ליים.
שטיבעל פון ליים, שטיבעל פון ליים. —
״געה פארווערטס, מיין קינד, און דו׳סט קומען אהיים״.

״איך דאנק דיר, א אלטיטשקער, מלאך דו גוטער.
מלאך דו גוטער, מלאך דו גוטער.
פאר צייגען דעם וועג צו מיין היים און מיין מוטער,
מיין היים און מיין מוטער, מיין היים און מיין מוטער.
״איך דאנק דיר, א אלטיטשקער, מלאך דו גוטער.

און משה׳ל איז געגאנגען צופריעדען פאראויס.
צופריעדען פאראויס, צופריעדען פאראויס,
און געקומען בשלום צו זיין מאמען אין הויז,
צו זיין מאמען אין הויז, צו זיין מאמען אין הויז. —
און משה׳ל איז געגאנגען צופריעדען פאראויס.

שטאט שטראפען, האט מוטער איהם פיין אויסגענומען.
איהם פיין אויסגענומען איהם פיין אויסגענומען:
״מיין קינד האט זיין שטראף שוין אין פולען באקומען,
אין פולען באקומען, אין פולען באקומען״. —
שטאט שטראפען, האט מוטער איהם פיין אויסגענומען.

א געטראנק פאר אלע צייטען

א׳קיעפ׳ס איז ניט נאר א דערפרישענדער טרונק אויף ספעציעלע געלעגענהייטען דאס ווערט געברויכט פון פיעלע מענשען אלס געטראנק א גאנצען טאג — ביים עסען אדער צו אלע צייטען ווען מען איז דורשטיג.

ריין און געשמאק. א׳קיעפ׳ס געברייז זענען צוזאמענגעשטעלט פון אלע גוטע זאכען וואס שטילען דעם דורשט און וואס האבען די מעלה פון א סטימולירענדען טאניק.

קויפט היינט א קיים און טרינקט צו אלע געלעגענהייטען. — אייער גראסער פארקויפט דאס.

אויך אין רעסטאראנען, קאפעען און האטעלען.

O'Keefe's
IMPERIAL
ALE-LAGER-STOUT
O'KEEFE'S TORONTO-PHONE MAIN 4202

פון רומעניען און בוקאווינא
נאך קענעדע

אונזער ל. גוראפסקי

וועלכער איז יעצט אין איירא פא האט זיך
ספעציאליזירט אויף דעם וועג

ברייננט אייער פאמיליע און קרובים דירעקט פון דער היים, אהער צו אייך

אויב אייערע קרובים האבען שוין טיקעטס וועט אונזער גוראפסקי זיי ברענגען צום שיף מיר דארפען איהם בלויז צושיקען דעם אדרעס און ער וועט דאס איבעריגע טון

קומט אריין היינט צו אונז און איהר וועט א סך געווינען

גוראפסקי׳ס
113 קווין סטריט וועסט

אפים אפען אין אווענט.